Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 11 | Łódź, Czwartek, 12 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י״ד טבת תרצ״ג | № 11 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# בילינגער דירה-געלד

## דורכ'ן מיניסטארען-ראט זאל שוין זיין אויסגעפערטיגט א דעקרעט

ווארשא, 11 (טעלעפאניש)

עס קורסירען קלאנגען, אז אין פרעזידיום פון מיניסטארען-ראט איז אויסגעפערטיגט געווארען דער דעקרעט וועגען פערקלענערען דאס דירה-געלד.

דערווייל ווייסט מען נאך נישט אויף זיכער צי דער ענין וועט בעטראכט ווערען דורכ'ן סיים, אדער ער וועט דערשיינען אלס רעגירונגס' דעקרעט.

## די כינעזיש-יאפאנישע מלחמה

טאקיא, 11 (ספ. טעל.)

די יאפאנישע קאוואלעריע האט פערנומען דאס שטעטעל טשו-מיו-קו, וואס ליגט נישט ווייט פון דער כינעזישער מויער אויף דער כינעזישער זייט, נישט ווייט פון שא-כיין-קוואן.

פערנעהמענדיג דאס שטעטעל, האבען די יאפאנער נישט אנגעטראפען אויף קיין שום ווי-דערשטאנד.

אין טאקיא קלערט מען אויף, אז דאס פערנעהמען פון טשו-מען-קו איז געווען נויטיג בכדי נישט צוצולאזען טשאן-ססו-ליאנס מיליטער צו דער פראווינץ יעהאל.

## דער פראנצויזישער פרעמיער פאל-באנקור



אויף בעזוך אין זיין הייםאט-שטעטעל סענט עניאן



קארוויו סולידוש,
דער פערשטארבענער געוו. פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען.

## אמבאסאדאר פאטעק איז אנגעקומען קיין אמעריקא

ניו-יארק, 11 (ספ. טעל.)

דער אמבאסאדאר פאטעק איז אנגעקומען קיין ניו-יארק דינסטאג, 11 אין אוונט.

די שטארקע שטורעמס האבען געמאכט פער-שפעטיגען דעם אנקום פון דער שיף „אקוויטאניא" אויף 16 שעה.

צו בעגעגענען דעם אמבאסאדאר זענען ארויסגעפאהרען צום קאראנטין די מיטגלידער פון דער אמבאסאדע און דער גענעראל-קאנסול.

אויף דעם ברעג האבען איהם בעגריסט די דעלעגאציעס פון פוילישע ארגאניזאציעס.

אום האלבע נאכט איז דער אמבאסאדאר א-וועק אפגעפאהרען קיין וואשינגטאן.

## אנ'אומגליקספאל אין א טעאטער

פראג, 11. (ספ. טעל.)

בייטאג, בעת א רעפעטיציע אינ'ם דייטשען טעאטער, האט זיך איינגעבראכען א פאדיום-פאדלאגע.

2 פערזאן זענען דערביי שווער פערוואונדעט געווארען און 12 — לייכט.

## געשטארבען דער גענעראל טשערווינקא

פראג, 11 (ספ. טעל.)

דא איז געשטארבען דער גענעראל טשערווינקא, איינער פון די הויפט-ארגאניזאטארען פון די טשעכאסלאוואקישע לעגיאנען אין רוסלאנד.

דער גענעראל איז אלט געווען 85 יאהר.

## זעלבסטמארד פון טראצקי'ס טאכטער

בערלין, 11 (ספ. טעל.)

„פאלקסצייטונג" איז מודיע, אז טראצקי'ס טאכטער, וואלקאווא, וועלכע פערברענגט זינט א לענגערע צייט אין בערלין, איז בעגאנגען זעלבסט-מארד דורכ'ן פערסמען זיך מיט ליכט-גאז.

די סיבה פון דעם שריט זאל זיין די שרעק אז איהר דראהט ארויסגעשיקט צו ווערען פון דייטשלאנד.

## שניידט פון זיך שטיקער פלייש
### אויסטערלישער זעלבסטמארד-פרוב אין ווארשא

ווארשא, 11 (טעל.)

דער 56-יעריגער ארבייטסלאזער באלעסלאוו איסקריצקי האט זיך נעכטען אוועקגעשטעלט אויף דער דוואָרסקא גאס און מיט א ראזיר-מעסער אנ-געהויבען צו שניידען שטיקער לייב.

אין א געפעהרליכען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

## ענגלענדער בעטען איבער פוילען
### פאר דער אומטאקטישקייט אויף דער ראדיא-סטאציע

לאנדאן, 11. (ספ. טעל.) די גאנצע ענגלישע פרעסע פערעפענטליכט א קאמוניקאט פונ'ם ברי-טישען ראדיא, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט וועגען דעם וויזיט פון סער דזשאן רייט בײם פויל-ישען אמבאסאדאר סקירמונט.

אין דעם קאמוניקאט ווערט דערציילט, אז דער אינצידענט אי'ז מיט דעם דאזיגען וויזיט פריינד-ליך ליקווידירט געווארען.

„דעילי העראלד" קאמוניקירט, אז דער די-רעקטאר פונ'ם ראדיא, סער דזשאן רייט האט זיך ענטשולדיגט פאר'ן אמבאסאדאר סקירמונט אין נא-מען פונ'ם ענגלישען ראדיא און דערקלערט, אז ער איז נישט געווען אנוועזענד אין יענעם אוונט אויף דער סטאציע, און אז פערטראסטען האט איהם א נישט-בעהאווענטע פערזאן.

לויט „דעילי הערלד" האט רייט אן דירעקט זיין פערדרוס און פערזיכערט סקירמונטן, אז אזא פאל וועט זיך שוין מעהר נישט איבער'חזר'ן.

ער האט דערביי איבערגעלאזט דעם פוילישען אמבאסאדאר א מעמאראנדום, רעדאגירט לויט דעם כאראקטער פון דער אויבען-אנגעגעבענער איבער-בעטעניש.

חוץ מזה וועט דאס אויסערן-מיניסטעריום ארויסשיקען א פארמעלען ענטפער אויף דער פוילישער פראטעסט-נאטע.

אכטונג! אכטונג!

די געזעלש. „נותן לחם"

לאדז, סאלנא 14

מאכט בעקאנט, אז זונטאג, דעם 15. יאנואר ה. י. ווערט געעפענט

א ספעציעלע כשר'ע קוך

פאר דער ייד. אינטעליגענץ אויף זשעלאנא 10a וואו עס וועלען ארויסגעגעבען ווערען

מיטאגען צו 25 גראשן.

קופאנען קען מען שוין אויסקויפען אין סעקרעטאריאט אויף זשעלאנא 10a פון 7–9 אוונט.

די פערוואלטונג

122

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (בוועק אפע-ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אוונט.

1091

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע לאמגארבס

בילינצער, טאטשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געפינט נאר

אין פראנט, II שטאק

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אוונט.

פאר גאלד,

בריליאנטען און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזן

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7. 6208

דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס דעם בעסטען דאנק די אלע, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען פאטער ע״ה ר' שמואל בן ר' משה ז״ל רישפאן

און בפרט דער פערוואלטונג פון ראדאגאשטער שוהל, ווי אויך ר' סלמן ראובן קליינער פאר דעם הספד, וואס ער האט גע-האלטען ביים אפענעם קבר פון נפטר.

מיט אכטונג געברידער רישפאן.

לאדז, ה' ויחי, שנת תרצ״ג לפ״ק.

119

